פּרייז 3 ק. Цена 3 к

מ. קאַדישעוויטש

# בירעבידזשאן הײַנט

(אייניקע קורצע ידיעות און פאַקטן).

## М. КАДЫШЕВИЧ. БИРОБИДЖАН—СЕГОГНЯ

## I. בירעבידזשאַן—אַ באַזונדער ראַיאָן

דעם 28־טן מאַרס 1928 יאָר האָט דער צענטראַלער אויספּיר־קאָמיטעט פונעם ראַטנפאַרבאַנד פאַרפעסטיקט בירעבידזשאַן פאַרן קאָמערד אַף צו באַזעצן אים מיט אַרבעטנדיקע יידן מיט דער אויסזיכט צו בילדן דאָרטן, בײַ גינסטיקע רעזולטאַטן פונעם באַזעצן, אַ יידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריאַלן איינס.

דעם 1־טן אָקטיאַבער 1930 איז אָרגאַניזירט אַ באַזונדערער בירעבידזשאַנער ראַיאָן.

דער צענטער פון בירעבידזשאַן איז סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ, 8500 קילאָמעטער פון מאָסקווע (אַכט מעסלעס פאָרן מיטן קוריער־צוג. צוועלף—מיטן פּאָסט־צוג), 172 קילאָמעטער ניט דערפאָרנדיק די שטאָט כאַבאַראָווסק, די הויפּטשטאָט פונעם ווייטמיזרעכדיקן קאַנט.

אין טיכאָנקע געפינען זיך אַלע ראַיאָנישע אַנשטאַלטן, אַ מעבל־פאַבריק, אַ קליינע האָלצבאַאַרבעט־פאַבריק, אַ קליינע עלעקטרישע סטאַנציע, אַרטעלן, וואָס אַרבעטן אויס וועגענער, טשעמאַדאַנעס און אַנדערע, אַ דרוקעריי, צוויי צייטונגען—„בירעבידזשאַנער שטערן” אין יידיש און רוסיש, אַ טעלעפאָן אַף זיבעציק קילאָמעטער (היי־יאָר וועט מען אים ציִען ווייטער), די קאָנטאָר פון „געזערד”, אַ שול, קלוב, מעדיצינישער, אַגראָנאָמישער און וועטערינאַרישער פּונקטן, קאָאָפּעראַטיוו, קיך, איבערוואַנדערער פּונקט מיט צוזאַמענוווינונגען, באָד, א. א.

אַף בויען אין טיכאָנקע פאַרשיידענע געביידעס פאַר אַנשטאַלטן, הייזער צום וווינען און אַנדערע ווערט היי־יאָר אַסיגנירט אַ מיליאָן רובל.

## II. וואָס פאַרמאָגט בירעבידזשאַן?

בירעבידזשאַן, ווי יעדער לאַנד, האָט זיך זיינע מיילעס מיט זיינע כעסרוינעס, ס'איז אָבער אַ גרויס און זייער רייך לאַנד.

בירעבידזשאַן פאַרנעמט אַ שטעך פון פיר מיליאָן העקטערס ערד, קנאַפּע פערציק טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער, איז גרעסער פאַר בעלגיע, פאַלעסטינע, האָלאַנד און אַנדערע לענדער. בירעבידזשאַן פאַרמאָגט אַ מיליאָן מיט 300 טויזנט העקטערס וואַלד, וואָס גיט היי־יאָר איבער זעקס הונדערט טויזנט קובאָמעטערס געהילץ, אין גרעסטן טייל אַף עקספּאָרט. ס'איבעריקע ערד איז, אַכוץ קליינע אויסנאַמען, פּאַסיק פאַר לאַנדווירטשאַפט.

בירעבידזשאַן גיט דורכשניטלעך אַף אַ פערטל מיליאָן רובל אַ יאָר רויכוואַרג אַף עקספּאָרט.

בירעבידזשאַן איז רייך אויך מיט פיש, פויגלעך אַל־ערליי א. א. בירעבידזשאַנער בערג (כינגאַן) פאַרמאָגן גרויסע אויצרעס: אייזן, גראַפיט, בערג מיט קאַלכשטיין אַף צענדליקע קילאָמעטערס (גייט אַף וואַפנע און צעמענט), גאָלד, טאָרף, קוילן, אַזבעסט, אָכרע (פאַרב), זייער פיל שטיינער צום בויען (גראַניטן, מאַרמערשטיין א. א.), ליימען פאַרשיידענע און פיל אַנדערע.

32 קילאָמעטער פון סטאַנציע בירעקאַן געפינט זיך אַ וועלטענער קוראָרט קולדור, וווּ מע היילט פון רעוומאַטיזם און אַנדערע.

אַף דער סטאַנציע אין איז פאַראַן אַ דעפּאָ מיט אַ 600 אַרבעטער, לעבן ראַזיעזד ניקאָלאַיעווקע — אַ זעגמיל

מיט אַ 500 אַרבעטער, אויסגעבויט אַ וואָפּנע־זאַוואָד אַף סטאַנציע לאָנדאָקאָ אַף 500 אַרבעטער. אין ניקאָלאַיעווקע וועט זיך הײַ־יאָר בויען אַ גרויסער האָלצבאַאַרבעט־זאַוואָד מיט אַ פּאַבזאַוושול. ס'פּראָעקטירט זיך אַ צעמענט־זאַוואָד אין ביראַקאַן, אַ גרויסער קאָנסערוון־זאַוואָד אין טיכאָנקאַיאַ, ציגל־זאַוואָדן און אַנדערע.

ס'ווערט געשטעלט די פראַגע וועגן אַ מעטאַלורגישן זאַוואָד אין די כינגאַנער בערג. ס'זײַנען פאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר וואַסער־עלעקטרע־סטאַנציעס, טאָרף־אינדוסטריע א. א. וו.

אין בירעבידזשאַן וואַקסט גוט ווייץ, האָבער, גערשטן, גריקע, קוקורוזע, קאָלערליי מינים גאָרטנוואַרג. אין די וועלדער איז דאָ פיל ווילדע ווײַנטרויבן, קישמיש, מאַלינע און אַ שלאַל אַנדערע יאַגעדעס. ס'וואַקסט אויך דער זײַדנבוים, טאַבאַק, ניט קיין שלעכטע פּרוּוון פון צוקער־בוריקעס און אַנדערע.

איבערהויפּט איז אָבער דאָס לאַנד פּאַסיק פאַר אַזוינע העכסט נויטיקע און טײַערע געוויקסן, ווי סאָיע־באָב, רייז, לײַן, קאָנאָפּליע.

די וועלדער באַשטייען פון צעדערבוים, רויטבוים (ליסט־וועניצע), פּיכטע, יאָלקע, לינדנבוים, קליאָן, יעשן, בערעזע, דעמב, קאָרקנבוים (באַרכאַט) און פיל אַנדערע ווערטפולע מינים בוימער.

בירעבידזשאַן איז זייער צוגעפּאַסט פאַר פּיצוכט און בינענצוכט, ווײַל בירעבידזשאַן פאַרמאָגט אָן אַ שיר לאָנקע, וואָס גיט ביז 2—4 הונדערט פּוד היי פון אַ העקטער, פיל לינדנבוים (ליפּע) און אַ שלאַל אַנדערע פלאַנצן, וואָס פאַרמאָגן האָניק־זאַפט.

## III. וואָס פאַר אַ קלימאַט איז דאָרט?

בירעבידזשאַנער קלימאַט שיידט זיך שטאַרק אונטער פון דעם קלימאַט אין אוקראַיִנע. דער פרילינג איז אין בירעבידזשאַן אַ

טרוקענער און וואַרעמער, אָן רעגנס, אָן געוויסער, דער זומער — אַ הייסער, מיט אַסאַך רעגן, דער האַרבסט — אַ טרוקענער, זוניקער און וואַרעמער, דער ווינטער — אַ שטאַרקער, אַ פראָסטיקער, אָבער אַ טרוקענער און זייער אַ זוניקער. כמאַרנע טעג זיינען געציילטע.

די רעגנס אין יול-אַווגוסט שטערן אָפטמאָל אראָפּצונעמען דאָס ברויט. דאָס צונויפאלן אָבער פון גרויס פייכטקייט מיט גרויס היץ איז זייער גוט פאַר רייז. רייז און סאָיע ווערן צייטיק אין סענט־אבער — אָקטיאבער, נאָך די רעגנס.

אין יול — אווגוסט גיסן זיך אויך פאנאנדער די טייכן. די יידישע יישווים געפינען זיך אָבער אַף הויכע פלעצער און אפילע בעיים דער גרויסער פאַרפלייצונג אין 1928 יאָר האָט זיי אויך ניט געשאדט.

אין אלגעמיין איז דער קלימאט סולקאָם אַ געזונטער. אַדאַנק דער טרוקנקייט און זוניקייט טראָגן די איבערוואנדערער אריבער דעם ווינטער זייער גוט. איבער דעם איז דאָרטן אויך ווייניקער גריפּ, אַנגינע און אנדערע עפידעמישע קראנקייטן, ווי אין אנדערע ערטער. קיינע אָרטיקע קראנקייטן אויך קיין מאַלאריע איז דאָרטן ניטאָ.

ניט קיין אנגענעמע זאַך איז דער „גנוס" — געוויינלעכע קאָמארעס און פיצינקע פליגעלעך, וואָס מערן זיך דאָרטן אין יול — אווגוסט, איבערהויפּט אין שטאַרק רעגנדיקע זומערס (אין 1930 יאָר, לעמאָשל, האָט זיך דער גנוס ניט געלאָזט פילן). דעריקער געפינט זיך דער גנוס אין טייגע (וואַלד), לעבן בלאָטעס, טייכן, אין געדיכטן גראָז. איבערהויפּט לאָזט זיך דער גנוס פילן אינדערפרי און פארנאכט.

וואָס מער מענטשן ס'באזעצן זיך, וואָס מער ערד מע אַקערט אוף — אַלץ ווייניקער ווערט דער גנוס.

באם אַמור, וו מענטשן וווינען שוין פון לאַנג, איז דער גנוס קימאַט ניטאָ.

קיינע ווונדן, קיינע קראַנקייטן רופט דער גנוס נים ארויס.

די בירעבידזשאנער איבערוואַנדערער לאַכן זיך אויס פון די נאַרישע מייסעס וועגן גנוס, וועגן „פונטיקע קאָמארעס“ אוכעדוימע, וואָס פּאַסקודניאַקעס און פינצטערע עלעמענטן דער־ציילן און נאַראָנים גלויבן. די איבערוואַנדערער אַרבעטן אפילע באַ היי־שניט אָן נעצלעך (סעטקעס), זעלטן ווער אפילע מיט אַ טיכל אַפן האַלדז.

## V. בירעבידזשאַן איז ניט קיין העק!

בירעבידזשאן שניידט דורך דער גרויסער סיבירער אייזנ־באַן אף 332 קילאָמעטער פון מייריעוו צו מיזורעך, אים רינגלט אויך ארום אַף 650 קילאָמעטער דער דריי טויזנט קילאָמעטער לאַנגער מעכטיקער טייך אַמור. איבערן אַמור אויך איבערן טייך טונגוסקע גייען שיפן.

אין טיכאָנקע שטעלן זיך אָפּ אכוץ אלע פּאָסט־צוגן אויך די שנעל־צוגן און אפילע די קוריער־צוגן ווארשע—מאָסקווע—וולאדיוואָסטאָק.

דורך בירעבידזשאן בויט זיך איצט דער גרויסער לופט־וועג מאָסקווע—וולאדיוואָסטאָק.

ס'איז שוין אָנגעמערקט דער וועג פאַר א נייעם אייזנ־באַן טיכאָנקע—יעקאטערינא־ניקאָלסק באם אַמור, אף 208 קילאָמעטער, וואָס וועט דורכשניידן גאַנץ בירעבידזשאן פון צאָפן אף דאָרעם, און אַ צווייטער אייזנבאַן טיכאָנקע־קוקאַן אף 75 קילאָמעטער אין די צאָפנדיקע וועלדער.

ס'ארבעט שוין די ערשטע נייע טעלעפאָן־ליניע אף 70 קילאָמעטער טיכאָנקע—וואלדהיים—בירפעלד א. א. היי־יאָר וועט מען זי ציען ווייטער. אויסגעבויט דעם ערשטן שאָסירטן וועג טיכאָנקע־וואַלדהיים.

אין בירעבידזשאן זיינען דאָ בא 250 יישווים, זעכציק דאָרפראַטן.

5

די ייִשוּוים באַם אײַנגבאַן און באַם אַמור האָבן אַ טעלעגראַף. מיכאַילאָ־סעמיאָנאָווסק אױפֿן אַמור איז פֿאַרבינדן מיט כאַבאַראָווסק דורך אַ טעלעפֿאָן אױף העכער 200 קילאָמעטער.

אין, בירעפֿעלד אַרבעט אַ וויכטיקער וויסנשאַפֿטלעכער אַנשטאַלט — בירער פּרוּוו־פֿעלד.

אין יעקאַטערינע־ניקאָלסק האָט זיך אין יאַנוואַר געעפֿנט דער ערשטער טעכניקום פֿאַר אינדוסטריעלער לאַנדווירטשאַפֿט, וואָס דאַרף גרייטן ספּעציאַליסטן פֿאַר די בירעבידזשאַנער ראַטווירטן.

ס'ווערט שוין פּראָעקטירט אַ פּעדאַגאָגישער טעכניקום, אַ בױ־טעכניקום א. א.

פֿון טיכאָנקע איז אַ קאַרגער מעסלעס פֿאָרן ביז דעם גרויסן פּאָרט וולאַדיוואָסטאָק באַם שטילן אָקעאַן, — דער גרעסטער פּאָרט אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

אין בירעבידזשאַן קאָן זיך יעדער אַרבעטפֿעיִקער אױסקלײַבן אַן אַרבעט נאָך זײַנע פֿעיִקייטן נאָך, נאָך זײַן גוסט און געשמאַק: קאָלווירט, ראַטווירט, זאַוואָד, טראַנספּאָרט, קוסטאַרישע אַרטעלן, אַנשטאַלט און אַנדערע. אַרבעט קלעקט דאָרט דורכן יאָר פֿאַר אַלע אַרבעטפֿעיִקע.

## V. געשאַפֿן אַ ברייטע זיכערע באַזע

בירעבידזשאַנער רײַכקייטן האָט מען ביז דער לעצטער צײַט קימאַט ווי ניט אָנגעהויבן אויסצונוצן.

די גאַנצע בירעבידזשאַנער באַפֿעלקערונג (שוין מיט די דרײַ טויזנט ייִדן) באַשטייט פֿון קנאַפּע 38 טויזנט מענטשן. דאָס מאַכט אויס ווייניקער ווי איין מענטש אױף אַ קוואַדראַט קילאָמעטער (אין אוקראַינע —64, אין פּאָדאָליע —94 ערטערווײַז אַפֿילע 137 מענטשן).

בירעבידזשאַן קאָן אָבער אַרײַננעמען צענדליקער און הונדערטער טויזנטער נײַע מענטשן.

דער ערשטער באוויז זיינען — די קאָרעוו 3000 יידישע איבערוואנדערער — ארבעטער, קאָלווירטניקעס, קוסטארן און אנדערע, וואָס האָבן זיך שוין דאָרטן באזעצט.

די קנאַפע 1000 יונגנטלעכע, וואָס זיינען דאָ געוואָרן טראַקטאָריסטן, טעסלערס, שאָפערס, מעכאַניקער, ערדמעסטער א. א. וו.

די פיל צענדליקער קינדער פון איבערוואנדערער, וואָס לערנען זיך אין די פאַרשיידנסטע פאבזאוושולן, טעכניקומס, הויכשולן א. א.

די ראטווירטן, קאָלווירטן, מאשין־טראקטער־סטאנציעס, אַרטעלן, וואָס זיינען אויסגעבויט און בויען זיך.

אין רייאָן זיינען שוין ארייגעפירט די ערשטע הונדערט טראַקטערס, אַווטאָמאָבילן, עקסקאוואטערס און אנדערע מאשינעס.

אין 1930 יאָר האָבן די נייע קאָלווירטן און ראטווירטן אופגעהויבן זעכצן טויזנט העקטער רויערד, — דאָס איז מער, ווי די אָרטיקע באפעלקערונג האָט געזייט פאַר די זיבעציק יאָר קאָלאָניזאציע פון רייאָן.

היי־יאָר דאַרפן די ראטווירטן און יידישע קאָלווירטן פאַרזייען העכער צוואנציק טויזנט העקטער און אופהויבן רויערד — באַ צען טויזנט.

מיט די שכינים — רוסן, אביסל קאָרייער, אוקריינער א. א. לעבן די יידישע איבערוואנדערער זייער גוט. מע העלפט איינע די צווייטע מיט מאשינעס, ארבעטער־בריגאדעס און אז. וו.

אויספירלעך קאָן מען זיך דערוויסן וועגן בירעבידזשאן פון דער ליטעראטור און פרעסע („עמעס", „שטערן" „אָקטיאַבער א. א.).

באזונדערס גרויסע פערספעקטיוון עפענען זיך אין בירעבידזשאן היי־יאָר (1931).

אין בויען ראַטווירטן, קאָלווירטן, אינדוסטריע, טראַנספּאָרט א. א. ווערט הײַ־יאָר אַרײַנגעלייגט באַ 20 מיליאָן רובל.

פאַר אָט דעם אַלעם פאָדערן זיך הײַ־יאָר העכער פינף טויזנט אַרבעטער.

## VI. אַף סאָציאַליסטישע רעלסן!

אין 1930־טן יאָר האָט מען זיך אין ביראָבידזשאַן ענדגילטיק אָפּגעזאָגט פון בויען אײַנציקע פויערשע ווירטשאַפטן אָדער קליינע ניט שטאַנדהאַפטיקע קאַרליקישע קאָלווירטן און אַריבערגעגאַנגען צו בויען נאָר גרויסע מעכאַניזירטע קאָלווירטן, ראַטווירטן, מאַשין־טראַקטער־סטאַנציעס.

ס'בויען זיך אויך גרויסע קוסטאַרישע אַרטעלן, זאַוואָדן א. א.

## סאָציאַליסטישע פאַבריקן פון ברויט, פלייש, מילך, האָניק, לײַן און אַנדערע

פאַר ראַטווירטן (סאָווכאָזן) איז אויסגעטיילט קאָרעוו אַכט הונדערט טויזנט העקטער. זעקס ראַטווירטן אַף 200 טויזנט העקטער אַרבעטן שוין:

1) 1־טער ביראָבידזשאַנער ראַטווירט פון „זערנאָטרעסט" פאַר ווייץ און סאָיע באַם אַמור, ניט ווייט פונעם יידישן קאָלווירט אַמורזעט, אַף 76000 העקטער. דאָרט אַרבעטן שוין באַ דרײַ הונדערט יידישע טראַקטאָריסטן, שאָפערס א. א. אויפגעהויבן אין 1930־טן יאָר 12000 העקטער רויערד.

2) רייז־ראַטווירט, אויך לעבן אַמורזעט, 6000 העקטער. אין 1930 יאָר געזייט די ערשטע 110 האַ רייז.

3) אַמור־בירער פיצוכט־ראַטווירט (האָדעוועט בעהיימעס אַף פלייש), 95000 האַ, פאַרמאָגט שוין 900 בעהיימעס.

4) פּאָקראָווקער ראַטווירט פאַר מילכיקס און גערטנערײַ, לעבן כאַבאַראָווסק, 17000 האַ, האָט שוין באַ פינף הונדערט בעהיימעס.

5) כאַזמרימצוכט-ראַטהירט אַף 6000 האַ לעבן סטאַנציע וואָלאָטשאַיעווקע.

6) אויפעסצוכט-ראַטווירט צווישן טיכאָנקע און וואַלד-היים, 500 האַ.

היי-יאָר רעכנט מען אָרגאַניזירן אין די כינגאַנער בערג אַ ראַטווירט פאַר ביינענצוכט אַף 85000 האַ, אַ ליין-ראַט-ווירט אַף 52000 האַ און אַנדערע.

ס'זיינען אָרגאַניזירט דריי מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציעס.

אין די ראַטווירטן וועלן זיך בויען אַגראָ-אינדוסטריעלע שטעטלעך מיט אַלע געהעריקע איינריכטונגען.

## קאָלווירטן

ס'זיינען געשאַפן פיר גרויסע קאָלווירטן: אַרטעל וואַלד-היים, 11 קילאָמעטער פון טיכאָנקע, אַרטעל בירעפעלד, פופציק קילאָמעטער פון טיכאָנקע, אַרטעל אַמורזעט באַם אַמור און די יוגנט-קאָמונע „איקאָר", לעבן סטאַנציע וואָ-לאָטשאַיעווקע, 40 קילאָמעטער פון כאַבאַראָווסק.

די קאָלווירטן פאַרמאָגן באַ 500 בעהיימעס, 300 פערד, כאַ-זירים, 2200 בינשטאָקן, גרויסע פיר- און זעקס-דירעדיקע היי-זער, געזעלשאַפטלעכע געביידעס, דריי יידישע דאָרפראַטן, שולן, קינדער-גערטנער, יאַסלעס, קיכן, בעדער, וועשעריין, קליינע עלעקטרישע סטאַנציעס, קאָאָפּעראַטיוון, פּאָסט, טעלעפאָן, מעדי-ציניש פונקטן, צוזאַמענוווינונגען, קלובן אָדער לייענשטיבלעך און אַנדערע.

די קאָלווירטן פאַרמאָגן אַ פעסטע ווירטשאַפט, האָבן שוין געגעבן דער ראַטנמעלוכע טויזנטער פוד ברויט, האָניק אַף עק-ספּאָרט, גרינס און מילכיקס.

מיט דירעס זיינען די קאָלווירטניקעס קימאַט פולקאָם באַ-זאָרגט. דער פאַרדינסט איז 60—80 רובל אַ כוידעש אַף איין אַרבעטספעיקן, באַ ביליקע פּראָדוקטן. קימאַט אומעטע קינדער-

אנשטאלטן און אנדערע. ארבעט קלעקט פאַר אלעמען א קיי־לעכדיק יאָר.

דאָס עסן קאָסט אין די געזעלשאפטלעכע קיכן בא אַ רובל א טאָג (דריי מאָל עסן).

די אמעריקאנישע אָרגאניזאציע פון יידישע ארבעטנדיקע „איקאָר" טרעט צו צו בויען היי־יאָר אין בירעבידזשאן אַ מע־כאניזירטן מוסטערהאפטן קאָלווירט.

## קוסטאַרישע אַרטעלן

די גרויסע וועלדער, די בערג קאלכשטיין א. א., דער אומ־באגרענעצטער מארק גיבן אָן א שיר מעגלעכקייטן פאר קוסטאר־געווערבן.

אין טיכאָנקע עקזיסטירט א קאָאָפּעראטיווע פאבריק פון געבויגן מעבל „בירעבידזשאן", וואָס ארבעט אויס בא צוואנציק וואגאָן ווינער שטולן א כוידעש. דער אר־טעל באשטייט פון אַכציק מיטגלידער (אריבערגעפאָרן פון מאָלין, געוועזענער קאראסטענער קרייז), וואָס פארדינען פון 150 ביז 250 רובל א כוידעש.

אין טיכאָנקע איז אויך אויסגעבויט א קוסטארישע פאבריק פון רעדער און וועגענער, וואָס איז אויסגערעכנט אף הונדערט מאן.

דאָרטן ארבעט אויך א טשעמאדאן־ארטעל, א שוס־טערשער און טריקאָטאזשנער.

אין קאָלווירט וואלדהיים — א שוסטערשער און שניי־דערשער אַרטעלן.

אף דער סטאנציע אין — א שוסטערשער אַרטעל.

אף דער סטאנציע ביראַקאַן — אַ וואַפנע־אַרטעל פון 47 מאן און אַ סמאָלע־אַרטעל.

היי־יאָר איז באשטימט צו באַזעצן אין בירעבידזשאן ניט ווייניקער פון 350 געזינדן קוסטארעס, אָרגאניזירן אַ ציגל־ און

ראַכלקעס (טשערעפּיצע)־זאַוואָד, נייע סמאָלע־אַרטעלן, פאַר האָלץ־באַארבעטונג, פאַרגרעסערן די עקזיסטירנדיקע ארטעלן.

## VII. בירעבידזשאַן פאָדערט באַלד!

1) היי־יאָר איז באַשלאָסן געוואָרן באַזעצן אין די קאָל־ווירטן נייע 650 געזינדן.

2) אין קוסטאַרישע אַרטעלן 350 געזינדן.

די איבערוואנדערער פון דער ערשטער קאַטעגאָריע (אָרעמסטע) באַקומען אַן אומזיסטן באַן־בילעט און 20 רובל אַף עסן אין וועג, פון דער צווייטער קאטעגאָריע,—נאָר אַן אומזיסטן באַן־בילעט.

3) ס׳פאָדערן זיך טייקעף די ערשטע 100 שוואַרץ־אַרבעטער אין דעם אָקאָרשט אויסגעבויטן וואַפנע־זאַ־וואָד אף דער סטאַנציע לאָנדאָקאָ (באַ 60 קילאָמעטער פונעם צענטער פון בירעבידזשאַן, סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ).

דער פאַרדינסט פון אַן אַרבעטער איז נים ווייניקער פון 150 רובל אַ כוידעש. די, וואָס פאָרן אהין, קריגן אַן אומזיסטן באַן־בילעט און צוויי רובל פּופציק קאָפּ. אַ טאָג אף עסן. די ארבעט איז פון שטיק. דירע און דערנערונג זיינען געזיכערט.

4) דער בירעבידזשאַנער טייל פונעם אוסורייער אייזנבאַן פאָדערט די ערשטע 506 שטענדיקע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע: מאַשיניסטן, שלאָסערס, מוליערס, שטוקאַ־טורן, סטאָליערס, שמידן (קאָוואלן), בלעכער, טעסלער, קעסל־הייצער, קאָנדוקטאָרן, עלטסטע און געוויינלעכע, שמירער (סמאַז־טשיקעס), וואַסערלייטער (וואָדאפּראָוואָדשיקעס), זעגער (פּיל־שטשיקעס), שטיינהעקער, טרעגער, טעכניקער־בויער, טעכניקער־וועגבויער, כעשבנפירער, דעסיאַטניקעס. קאָנדוקטאָרן, כעשבנ־פירער און אנד. קאָנען זיין פרויען אויך.

די געהאַלטן זיינען פון אַכציק ביז דריי הונדערט

רובל אַ כוידעש מיט אַלע פּריווילעגיעס, וואָס אייזנבאַנער האָבן.

דער אייזנבאַן באַזאָרגט מיט דירעס און ספּעצקליידער. פּראָדוקטן און סכוירע — פון די אייזנבאַן־קאָאָפּעראַטיון. פאַראן קיכן.

די ארבעטער באַקומען פאַר זיך און פאַר די פאַמיליעס אומזיסטע באַן־בילעטן. צוויי רובל פופציק קאָפּ. אַ טאָג אַף עסן אין וועג באַקומען די ארבעטער נאָר אַף זיך.

שפּעטער אַבּיסל דאַרף דער אייזנבאַן האָבן נאָך פיל ערד־גראָבער, שטיינהעקער, מויערער (קאַמענשטשיקעס) פון ציגל און בוטנשטיין, טעסלער, מוליערס, שטוקאַטורן, מאַליערס און אנד.

5) דער ערשטער בירעבידזשאנער ראַטווירט (סאָווכאָז) פון „זערנאָטרעסט" פאָדערט צוויי הונדערט טעסלערס און סטאָליערס. דער דורכשניטלעכער פאַרדינסט פון אַן אַרבעטער איז אַכט רובל אַ טאָג. דער ראַטווירט באַצאָלט וועג־הויצאָעס און גיט ארויס צוויי רובל פופציק קאָפּ. אַ טאָג פאַר דער צייט, וואָס מע איז אין וועג. ווייניקער קוואַליפיצירטע פאַרדינען 5—6 רובל אַ טאָג. טעסלערס און סטאָליערס פאָדערן זיך אויך אין די קאָלווירטן.

6) פאַראן נאָך ערטער אין דעם ערשטן בירעבידזשאנער טעכניקום פאַר אינדוסטריעלער לאַנדווירטשאַפט, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געעפנט. אַהין קאָנען אָנקומען בירגער פון 18 ביז 30 יאָר מיט קליינער בילדונג (4—6 גרופּע) דער קורס — צוויי אַ האַלבע יאָר.

מע באַקומט דאָרט 45 רובל אַ כוידעש סטיפּענדיע און אַ צוזאַמענוווינונג.

7) אוקראַינע דאַרף געבן היי־יאָר פאַר בירעבידזשאַן 1450 בויארבעטער פון די, וואָס האָבן געענדיקט צייט־קורסן, 375 פון זיי שוין אין ערשטן קוואַרטל.

8) ס'פאָדערן זיך 500 מאן אף דריי־כאדאָשימדיקע טעסלער־קורסן. אין בירעבידזשאן ארבעטן בא הונדערט כא־

ווייִרים, וואָס האָבן געענדיקט אזוינע קורסן. נאָכן ענדיקן פאַר־
דינט מען פאַקטיש 4—5 רובל אַ טאָג. אין דער לערנצייט
ווערן די קורסאַנטן אויסגעהאלטן אפן כעשבן פונעם פאָלקאָמ־
אַרבעט.

9) אין די קאָלווירטן, ראַטווירטן, מאשין־טראַקטער־סטאנציעס, קוסטאַרישע אַרטעלן און אנדערע פאָדערן זיך פאַרשיידענע מינים באַלמעלאָכעס: שמידן, סטאָליערס, שלאָסערס, טעסלער, רימער, סטעלמאַכער, שניידער, שוסטער, שערער און אַנדערע. דער פאַרדינסט — פון 150 ביז 250 רובל אַ כוידעש.

10) בירעבידזשאנער ראַטווירטן, קאָלווירטן, זאַוואָדן, מאַשינטראַקטער־סטאנציעס, אַרטעלן נויטיקן זיך שוין איצט אין עטלעכע הונדערט ספּעציאַליסטן און אָנגעשטעלטע: דעסיאַטניקעס, טעכניקער, אינזשעניערן פון אלע מינים (בויער, וועג־בויער, מעכאַניזאטערס), אַגראָנאָמען, מעליאָראַטערס, דאָקטוירים, צאָן־דאָקטוירים, אקושערנס, וועטערינאַרן, לערער פאַרן טעכניקום, פּאָליטופּקלער־טוער, פי־ציכטער, גערטנער, ווירטשאַפטלער, אדמיניסטראטערס, קאָאָפּעראַטערס, קוסטאַר־טוער, כעמיקער, בוכהאלטערס, שאָפערס, פּאָסט־טוער, מאשיניסטן, האַנדל־אָנגעשטעלטע, קעכנס, צוקלייבערנס און אַנדערע.

די געהאַלטן זיינען פון 25 און מער פראָצענט העכער ווי אין אוקריינע. ספּעציאַליסטן — לויט באַזונדערע אָפּמאַכן.

אכוץ די אויבנאָנגעוויזענע, פאָדערן זיך שפּעטער אַביסל טויזנטער ארבעטער אין די ראַטווירטן, זאַוואָדן, אַף וועג־בויאון וואלד־ארבעט, אַף ארומצוגיין ארום פי און אנדערע.

אין די בירעבידזשאנער ראַטווירטן, קאָלווירטן, אַרטעלן און אנדערע אונטערנעמונגען איז דאָ זייער פיל ארבעט פאַר פרויען.

די וואַלרעכטלאָזע פון דער אָרעמשאַפט, וואָס ווערן

איינגעאָרדנט אַף ערד און אנדערע ארבעט, באקומען וואַלרעכט נאָכדעם ווי זיי אַרבעטן אַ געוויסע צייט.

## VIII. ווי לעבט זיך אין די ראַטווירטן, קאָלווירטן, אַרטעלן און אַנדערע

די געהאַלטן אין די ראַטווירטן זיינען פון 70 ביז 250 רובל אַ כוידעש און מער. שווארצארבעטער האָבן פאָריקן יאָר פאַרדינט פאַקטיש באם גראָבן ערד, קאָרטשעווען (אָפּרייניקן די ערד פון בוימער, קוסטן), טרעגער א. א. בא 5 רובל אַ טאָג. ברויט—לויט דער נאָרמע פאַר ארבעטער.

אין די קוסטאַרישע מעבל־, וועגענער־, וואַפנע־, סמאָלע־אַרטעלן און אנדערע פאַרדינט מען פון 150 ביז 250 רובל אַ כוידעש.

דאָס עסן אין די קיכן (אין די קאָלווירטן, ראַטווירטן, זאוואָדן און אנדערע) קאָסט בא אַ רובל אַ טאָג (דריי מאָל עסן).

די קאָלווירטניקעס האָבן פאָריקן זומער פאַרדינט דורכשניטלעך 60—80 רובל אַ כוידעש. קיין ארבעט פעלט ניט אַ קיילעכדיק יאָר פאַר אלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע, וואָס קאָנען נאָר אַרבעטן. ארבעט באַקומט דער איבערוואנדערער גלייך ווי ער קומט.

אין די קאָלווירטן, אויך אין די ראַטווירטן, ווו דאָס איז שוין פאראן, באקומען די קאָלווירטניקעס און ארבעטער אַף ביליקע פרייזן גארטנווארג, מילכיקס, האָניק, פון צייט צו צייט פלייש, פיש און אנדערע. מילך, לעמאָשל, אַף 10—20 קאָפּיקעס א פלעשל, האָניק—72 קאָפּיקעס א קילאָ. ברויט קלעקט.

מיט דירעס זיינען די אלטע איבערוואַנדערער קימאט באַזאָרגט. פאַר נייע, אויך פאַר ארבעטער, זיינען פאראן צוזאמענווינונגען און ס'בויען זיך הייזער. אין אייניקע קאָלווירטן איז דאָ גרייטע דירעס פאַר עטלעכע צענדליק געזינדן.

אַ טייל איבערוואַנדערער קאָן פאָרן גלייך מיט די געזינדן. מע קען זיך איינאָרדענען צייטווייליק אויך אין די ארומיקע דערפער.

אין די ראַטווירטן בויען זיך און אין די קאָלווירטן זיינען שוין פאַראַן פאַרשיידענע סאָוועטישע און קולטור-מעדיצינישע און אנדערע אנשטאַלטן: דריי יידישע דאָרפראַטן, שולן, יאַסלעס, קינדער-גערטנער, מעדיצינישע, אַגראָנאָמישע, וועטערינאַרע פונקטן, קראַנקנהייזער, בעדער, וועשערייען, קיכן, קלובן אָדער לייענשטיבלעך, קורסן, קאָאָפעראַציע, פאָסט-אַגענטורן, א טעלעפאָן אף די ערשטע 70 קילאָמעטער, אויטאָ-טראַנספאָרט, מעכאַנישע באַזעס, די ערשטע דריי קליינע עלעקטרישע סטאַנציעס, פאַרטעיִשע, קאָמיוגישע, פראָפאַריינישע קעמערלעך, פיאָנערישע אָטריאַדן א. א. וו.

ס'איז זייער געווונטשן, אז די אויבנאָנגעוויזענע קאַטעגאָריעס איבערוואַנדערער און ארבעטער זאָלן ארויספאָרן באַלד, צום פאַרזיי. בירעבידזשאַן קאָן אָבער אויך אופנעמען איבערוואַנדערער אַ קיילעכדיקן יאָר.

גענויער קאָן מען זיך דערוויסן וועגן אלק אין די „געזערד“-אָפטיילונגען, אויך פון די ביכער און בראָשורן וועגן בירעבידזשאַן, באַזונדערס פון דעם „עמעס“, „שטערן“, „אָקטיאַבער“, „טריבונאַ“, „סאָציאַליסטיטשנאַ באַראָזנאַ“.

## XI. לעצטע דעפּעשן אין „פּראַוודאַ“

1. קאָלאָסאַלע גראַפיט-אויצרעס באַם אַמור. אַ געאָלאָגישע פאַרטיע האָט אַנטדעקט אַפן ברעג אַמור, באַם דאָרף סאָיוזנאָיע (בירעבידזשאַן) קאָלאָסאַלע אויצרעס גראַפיט. ס'זיינען אנטדעקט צוויי שיכטן הויכסאָרטיקער גראַפיט — בא 57 מיליאָן טאָן. סאַכאַקל געפינט זיך באַם אַמור העכער 500 מיליאָן טאָן גראַפיט („פּראַוודאַ“, 28 יאַנוואַר 1931 יאָר).

2. בירעבידזשאַנער ראַיאָן ווערט טעלעפאָני-

זירט. ס'איז געשלאָסן אן אָפּמאך וועגן טעלעפאָניזירן בירעבידזשאנער רייאָן. די טעלעפאָן־נעץ וועט מען פאַרענדיקן צו האַרבסט. זי וועט ארומכאַפּן אלע ראטווירטן, קאָלווירטן, מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס און דערפער פון רייאָן. דער טעלעפאָן וועט אויך פאַרייניקן דעם רייאָן מיטן צענטער פון קאנט. „(פראוודא“, 1 מארט 1931 יאָר).

## א. דאָס סאָציאַליסטישע בירעבידזשאן וועט אויסגעבויט ווערן!

ווי יעדער רייאָן, ווי יעדער איבערוואַנדערונג, האָט זיך בירעבידזשאָן אויך זיינע שוועריקייטן.

דאָס, וואָס איז שוין אָבער דאָרטן דערגרייכט געוואָרן פאַר די 2—3 יאָר, ניט געקוקט אף די טאָעסן, פעלערן און דורכפאלן, איבערהויפּט די ערשטע צייט, איז אָרעוו, אז—אין בירעבידזשאן קאָנען אופבויען אַ פעסטן געזונטן האָרעפּאַשנעם לעבן גרויסע מאַסן יידישע האָרעפּאשניקעס.

דאָס דערגרייכטע איז אָרעוו, אז אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמפּאַרטיי און ראטנמאכט וועט דאָס סאָצאַליסטישע בירעבידזשאן אופגעבויט ווערן!

פעווראל, 1931.

Мособлит № 11434 Изд. Озет Тираж 40.000

Типография изд-ва «Дер Эмес», Москва Покровка, 9.